# אין לנו גיוס!
# רק התור״ה הזאת...

## וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתָּנוּ

ווען מיר זענען געווען אינג, און גענדארשט צו וויסן מער איבער אידישע היסטאריע, האבן מיר צווישן אנדערע געליינט ביכער פון צדיקים פון די לעצטע הונדערטער יארן, אויך ביכער איבער די צרות און שוועריגקייטן פון כלל ישראל במשך הדורות. באזונדער האבן מיר זיך באקענט מיט פילע פון די גזירות שמד וואס האבן געפלאגט דעם כלל ישראל לכל אורך הגלות. אבער דער הויכפונקט און מערסט אומגלויבליכע קאשמאר געשיכטעס, וועלן אלע צושטימען, זענען "די כאפערס". די גרויזאמע שליחים צו אוועקכאפן קליינע אידישע קינדער אלס קאנטאניסטן פארן רוסישן צאר. עס ליגט איינגעקריצט אין זכרון ווי מיין דאן אינגע מח'ל האט נישט געקענט שלום מאכן מיטן שרייבער פונעם ביכל אז עס האבן זיך ווירקליך אזעלכע שרעקעדיגע סצענעס אפגעשפילט.

יא. מיר האבן שוין געהערט פון גזירות מצד המלכות אויף ערוואקסענע, עס איז גוט באוואוסט די ביטערע ליידן און פארוואגלענישן פון אינגע קינדער דורכאויס דעם בלוט דורכגעווייקטן גלות, אבער אז אידן און נאך די מכובדים פון דער קהלה זאלן בידים איבערגעבן אינגע קינדער און בחורים'לעך פאר די רוסישע גוים, האט זיך נישט געלאזט פארדייען. בלויז ווייל זיי זענען ארעם? ס'שטימט נישט! וואו איז דאס אידישע הארץ? צו ראטעווען די אייגענע קינדער האט מען מפקיר געווען און געלאזט אלמנות וויינען אויף זייער דאפלטע בראך. ס'האט זיך נישט געלייגט אויפן שכל.

איך בין עלטער געווארן, אסאך שוין צוגעזען, אבער יענע קאשמארן לאזן נישט נאך. אין חלום קען איך נאך זען א שווארצע וואגן, וויינענדיגע מאמעס קלאפן זיך צוזאם די הענט און חלש'ן דארט אויפן ארט ווען סאלדאטן רייסן ארויס פון זייערע הענט זייער איינציגסטע טרייסט, זייער איינציגסטע האפענונג, זייערע באליבטע קינדער. די קינדער רייסן זיך די האר פון קאפ, די וואגן ווערט ווייטער קלענער און פארשווינדט פון שטעטל אויף אייביג.

## חסורי מחסרא וגוזמא קתני

די סצענע רירט פארשטיינערטע הערצער אפילו שטייענדיג שוין היינט אזויפיל יארן שפעטער. ווי אזוי לאזט זיך אזוינס שרייבן און גלייבן אז אנגעזעענע אידן, גאר די ראשי קהלה, זענען געשטאנען אין דער זייט גלייכגילטיג צו דער גאנצער הארץ-רייסנדער סצענע ווען מען פירט אוועק נעבעכדיגע קינדער אויף אזעלכע שרעקליכע אומבאוואוסטע וועגן? "וכל באיה לא ישובון". מען האט פון דארט קיינמאל קיינעם נישט צוריקגעזען. ס'קען אזא זאך נישט זיין, נאר אז דער שרייבער איז א פאנטאזירער.

נישט בלויז איז דאס הארצרייסנד אין מענטשליכן באגריף. א קינד אויסרייסן פון דער מאמעס ארעמס ווען זי זעט אים צום לעצטן מאל אין איר קורצן שווערן לעבן. דער ווייטאג איז פיל טיפער דערפון און ווייטגרייכנד. כלל ישראל האט דאן פארלוירן אויף אייביג אן אומגלויבליכן מספר פון אומגעפער פופציג טויזנט נפשות! זיי מיט זייערע דורות אויף אייביג. נטמא בין הגוים, פארוואגלט און אפגעריסן פון שורש. א חשבון וואס וואלט היינט באטראפן מיליאנען ערליכע אידישע קינדער. דער גרעסטער פליאה און שווערסט-אומפארשטענדליכער טייל פון די געשיכטעס איז אז דאס איז געטון געווארן בהסכם ובידיעה תחלה, אדער גאר בידים ממש ווען די קינדער זענען געשלעפט געווארן לשחיטה דורך אנגעזעענע אידן - ניין, ס'גלייבט זיך נישט!

וויפיל יארן ס'איז שוין אריבער, האב איך נישט משלים געווען דערמיט און געהאלטן אז גוזמא קתני. ס'איז דאך נישט מעגליך אז אזא זאך זאל זיך אפשפילן אין דער ווירקליכקייט. מיר ווייסן אז אידן – אין אלע דורות - האבן זיך זעלבסט געלאזט הרג'ענען, אבער אויף קיין פאל נישט מסכים געווען איבערצוגעבן אנדערע אידן להריגה. ס'קען יעדער די הלכה 'אין דוחין נפש מפני נפש' - אפילו אויב מען קען דערמיט ראטעווען א גאנצן ציבור, טאר מען אויף קיין פאל נישט איבערגעבן א איד צום גוי. ביי די טרויעריג בארימטע בלוט בלבולים האבן זיך אידן געלאזט פארפייניגן צום טויט, אבער נישט 'מודה' געווען און נישט ארויסגעגעבן נעמען פון אנדערע. ווי איז אזוינס מעגליך צו לייגען איבער אזעלכע שרעקליכע סצענעס פון איבערגעבן אידישע קינדער לשמד ולהריגה צום רוסישן צאר, וואס האט זיי אלע אויסגעשמד'ט און געשיקט אויפן פראנט גע'הרג'עט צו ווערן?

אלזא בין איך געבליבן ביים מסקנא אז ס'איז זיכער א חסורי מחסרא וגוזמא קתני, וואס האט באַרואיגט מיין געוויסן און מיר ערמעגליכט צו קומען צו זיך פון אזעלכע שאקירנדע סצענעס.

## דער ראש הקהל שרייט "ביטול תורה"

ליידער האבן מיר דאס געדארפט דערלעבן און אנקומען צום הכרה אז 'יש דברים בגו'. מיר האבן דאס אלע מיטגעהאלטן. די מציאות פאטשט אין פנים, ס'איז ליידער פארהאן אזא שרעקליכע מציאות - די ידיעה און אנערקענונג אז אלעס געליינט איבער "די כאפערס" איז ליידער א פאקט. ואין כל חדש תחת השמש.

פון פריש זענען ארויפגעקומען אלע קאשמארן פון אלס קינד נאכן ליינען איבער "די כאפערס". יא! די מאמע, די אלמנה, לויפט נאך דעם וואגן, מען רייסט זיך די האר פון קאפ. די קולות גייען עד לב השמים, דאס שטעטל יאמערט, מען רייסט אים ארויס פון אירע ליבליכע הענט, מען פירט אים אוועק פון זיין ווארימע היים און פון דער שויס פון כלל ישראל פאר אייביג.

בו בזמן ווען דאס שפילט זיך אפ, רייסן זיך "די כאפערס" אריין אין א 'טיר-צו-טיר אבלאווע'. די טרויעריג בארימטע שווארצע וועגענער האט שוין די 'סחורה' אינעווייניג גרייט אפצופירן פרישע שטעטל קינדער אין מיליטערישע קאזארמעס. עס שפילט זיך אפ די ריכטיגע בראך, די טראגעדיע דערגרייכט קלימאקסן. ווען אינעם זעלבן שטאט, עטליכע גאסן ארויפצו, שטייען עטליכע פוסעי על ראשי עם קודש און מאכן געוואלדעס צוזאמצורופן די שטאט, אנשטאט אפצושטעלן די וועגענער, אויסצונוצן זייערע קשרים, און בטל צו מאכן דעם טראנספארט שטייט מען און מען ליאמערט קעגן איין שווארצע וואגן וואס טראגט אינעווייניג דעם זון פונעם ראש הקהל. מען בלאזט שופרות, מען רודערט א לאנד, מען זאגט פסוקי תהלים, מען שרייט געוואלד!

אין דער צייט וואס צובראכענע מאמעס, אלמנות און ארימע משפחות לויפן נאך דער וואגן, טוט דער ראש הקהל פארלייגן וועלטן אויף 'הצלת נפש אחת'. ער טוט אנצייגן פאר די כאפערס וועמען נאך זיי קענען כאפן און וואו זיי זענען באהאלטן, אין אויסטויש אז זיי זאלן עפענען די שווארצע טירן און באפרייען זיין מתמיד'ל! א דאפלטע בראך, אן אומגלויבליכער שבר על גבי שבר. על עם ישראל כי נפלה בחרב!

## איר קענט כאפן וועמען איר ווילט אבער "נישט אונזערע"

עצרת המיליאן. א ריזן ציבור פאררופן דורך די העכערע פון שטייסל איז געלונגען ארויסצושלעפן אויף די גאסן פון ירושלים עיה"ק א מספר עצום פון שווערע הונדערטער טויזנטער ערליכע

אידן וועלכע בלוטיגן אויף די גזירה האיומה. דער גאנצער עצרת איז אויספלאנירט געווארן פון פאראויס אן קיין רעדעס ח"ו... אן קיין שארפע שילדן ח"ו... אן קיין בלוטיגע טרערן אויף די פילע ארעסטירטע אין די תפיסות. נאר איין זאך האט מען אויסגעשריגן צו די כאפערס: "נישט אונזער מתמיד'ל!" מיר וועלן איבערדרייען ארץ ישראל. מיר וועלן אפשפארן דעם פארקער, שטעלן די לאנד אויף די פיס. איר קענט כאפן ווען איר ווילט אבער "נישט אונזערע"! די תורה וואס "אונזערע קינדער" לערנען איז הייליג און געשעצט און דאס באשיצט די מדינה מיט אירע כאפערס פון זייערע אראבישע פיינט!

א ריזן עצרת, גרויסע מייקס, אבער קיין ווארט נישט קעגן די צענדליגער "נישט אונזערע" בחורים וועלכע זיצן אונטערדרוקט 'יעצט' אין ארעסט. קיין איין "מחאה" פלאקאט צו שטורעמען הימלען קעגן די אפיציעלע "שמד" אפעראציע פון "נישט אונזערע" בחורים! הונדערטער טויזנטער אידן שרייען מ-ל-ח-מ-ה, אבער דורך דעם געפילטערטן מייק סיסטעם הערט מען נאר א קול ענות, המענין את נפש שומען! מען לאזט דאס נישט געזאגטע אפהילכן איבער'ן גאנצן לאנד: כאפטס אנדערע בחורים! ארעסטירט רעכטס און לינקס, שמד'ט אויס טויזנטער בחורים און אינגעלייט כאוות נפשכם, אבער רירט נישט צו "אונזערע קינדער"! די לומדי תורה טאר מען נישט שמד'ן!

דער משל מיטן נמשל קען נישט זיין מער קולע אל השערה, ווען ליידער טאקע די זעלבע וואך ווען אזויפיל האבן געשריגן קעגן פארכאפן דעם מתמיד'ל פונעם ראש הקהל, האבן די כאפערס זיך איינגעריסן אין א בית האבל און פאר די אויגן פון דער פרישער אלמנה ארויסגעריסן פון שטוב דעם יתום'ל, א בחור'ל - גראדע אויך א מתמיד - וועלכער איז אויפן ליסטע פון די כאפערס צו ווערן אוועקגעכאפט מבית אביו בשמים, אים אפצושמדן אינעם ציוניסטישן כור ההיתוך. און וואו זענען די ראשי קהלה? אה... זיי שרייען אויף די גאסן אז מען טאר נישט שטערן די לומדי תורה. מעגליך האבן זיי געלאזט וויסן פאר די כאפערס אז אן אבל איז דאך אסור בלימוד התורה, איז ער דאך א פאסיגער ציל.

## אין כאן לא גזירה ולא גיוס

מיר דארפן אייך נישט זאגן אז די החלטת העצרת האט נישט פארמאגט די שרעקליכע ווערטער 'גזירת גיוס'. דאס איז דאך פארשטענדליך, ווייל אז ס'איז נישט פארהאן קיין גזירה, דאן וועלן די מארגנים נישט שרייבן קיין ליגנט. אבער קוקנדיג איינמאל און נאכאמאל אויפן גאנצן החלטת העצרת, ווערט נישט דערמאנט דאס ווארט 'גיוס' אפילו איינמאל אויך נישט! לב מי לא יחרד! ווי איז אזוינס מעגליך ווען מען האט זיך ווירקליך דערלעבט איבערצולעבן אזעלכע נידריגע צייטן, ווען הונדערטער טויזנטער תמימות'דיגע אידן ווערן ארויסגעשלעפט אין די גאסן? אנשטאט דאס אויסצונוצן און אויסצושרייען דעם ווייטאג וואס אלע הונדערטער טויזנטער אידן שפירן, נוצן די ראשי קהלה אויס די נאאיווע מאסן און לייגן ארויס זייערע בעלי דרשנים מיט געקליבענע דרשות בי"ג נפין און א געלעכטערליכע החלטה וואס לאזט אלעמען קלאר זייער מהלך פון ביז היינט ווייטער מפקיר צו זיין טויזנטער נפשות יקרות.

עס כאפט א שוידער ביים אפליינען דעם לעכעריגן 'החלטות העצרת'. אין די קורצע 5 סעיפים ווערט דערמאנט די מושג פון 'תורה' ולומדי' גאנצע 38 מאל! און קיין איין איינציג מאל נישט דערמאנט דאס ווארט 'גזירה'. ניטאמאל דאס ווארט 'גיוס'. אויב וואלט דער שרייבער געגאנגען אויף א פארמעסט, וואלט ער אן קיין צווייפל זיך פארדינט א מעדאל אין טשטוש העיקרים. אין אזעלכע קורצע שורות אזוי פאכמאניש ארויסנעמען די נשמה פונעם עצרת, אזוי קונצליך צוריקקומען איינמאל און נאכאמאל צו דאס ווארט 'תורה' און דאס ווארט 'ישיבה' אדער 'כולל'.

דער שטורמישער עצרת, וואס האט געזאלט טראגן א מטרה אויף צוויי פראנטן: איינס, צו אויפטרייסלען די מדינה און צייגן פאר די גוזרי גזירה אז דאס יהדות החרדית איז פאראייניגט ווי קיינמאל פריער. צווייטנס, צו שענקען א רוקן פאר די הונדערטער טויזנטער שלומי אמוני ישראל וואס וואוינען צעזייט און צושפרייט איבער'ן גאנצן לאנד אויסצושרייען "ה' עמכם גיבורי תורה" צו לאזן וויסן אז מען זאל זיך האלטן שטארק און נישט פאלן פאר דרוק פון פאליציי, פאר קיין אבלאוועס און ארעסטן, און אויף קיין פאל נישט גיין אין מיליטער. האט מען דאס אבער ביידע בזדון פארשפילט.

לגבי די ערשטע נקודה צו שיקן א ווארענונג צו די גוזרי גזירה, איז נישט פארהאן קיין שום שארפע דערקלערונג אינעם החלטת העצרת צו די רשעי ישראל. (לכה"פ וואלט עס געדארפט זיין אזוי הארב ווי מען זעט אויף זייערע מודעות בעפאר די בחירות) גראדע איז פארהאן איינמאל וואו מען באנוצט זיך מיט גאר א שארפן לשון... "וכל המקדיש חייו לתורה אסור להטיל עליו עול אחר". זיי וואונדערן זיך וויאזוי די מדינה האט פארזען אזא אפענעם מאמר חז"ל...

אויך דעם צווייטן חלק האט דער שרייבער בזדון ארויסגעלאזט. דאס מערסטע וואס ער האט זיך ערלויבט, איז א געבעט צום בחור 'שאו ברכה ועשו חיל בתלמודכם, לתפארת עם התורה'. ס'טראגט א פנים ווי א בר מצוה מתנה באגלייט מיט ווארעמהארציגע ברכות.

און דא שטעלט זיך די 'מיליאן' דאלער פראגע! השתגעתם?

פארשטייט זיך אז די מארגנים האבן נישט פארגעסן בעפאר דעם עצרת צו פארשפרייטן אויף אלע קאנאלן און סאציאלע מידיא זייטלעך אז דער ציבור זאל זיך אויפפירן בדרכי נועם און חלילה נישט מאכן קיין חילול השם דורך זיך שלאגן מיט די פאליציי א.ד.ג.... הייסט דאס אז לויט דער הכרזה דארף אויסצוקומען אז מתתיהו כהן גדול מיט זיינע פינף הייליגע זין, די חשמונאים, האבן געמאכט א חילול השם פאר די מתיוונים?! מיר ווייסן נישט אויב מען זאל דא לאכן אדער וויינען.

די בלוט-דורכגעווייקטע געשיכטע פון כלל ישראל האט אונז שוין אסאך געלערנט. ווען מיר ליינען די היסטאריע פון אמאל און עס כאפט אונז אן א טרייסל, זעענדיג און זיך וואונדערנדיג: ווי אזוי איז אזוינס מעגליך? אבער ווען ס'קומט צו די נסיונות הזמן, פארפעלט מען צוזאמצושטעלן דעם גאנצן בילד און זען אז אט דאס, ממש געווי, שפילט זיך יעצט איבער אין די טונקלסטע פארבן, ווען דאסמאל זענען גאר פראמינענטע אידן א טייל פון די וועלכע זיצן ביי די געזעץ-אפשטימונגען אוועקצושניידן ריזיגע שטיקער פונעם כלל ישראל.

מען גייט אין די גאסן און מען שרייט "תורה", ווען עס טרייסלט און שאקלט דאס געוויסן איבער די אפיציעלע שווייגעניש און גאר צוזאמארבעט מיט די גוזרי גזירה. דער עצרת האט נישט דערמאנט קיין שום מחאה קעגן די אנגייענדע ארעסטן פון צענדליגער בחורים. די בחורים האבן אויך געוואלט זיין א טייל פונעם קידוש שם שמים, אבער האבן נישט געקענט צוליב די קייטן אויף זייערע הענט. די שרעק און פחדים פון ערליכע בחורים 'נישט לומדי תורה', ד.ה. בחורים וואס האבן נישט אן אפיציעלן זיגל פון אן אנערקענטער ישיבה, וועלכע שטייען אויס להשמי"ד ולהרוג, די איבערפעלער נאכט נאך נאכט. אלעס איז כלא היה.

זיי ערקלערן דרייסט אז אין כאן לא גזירה ולא גיוס. א כפרה פאר כלל ישראל. דער עיקר ס'זאל נישט זיין קיין ביטול תורה. אין לנו גיוס רק התור"ה הזאת!

## לא אלמן ישראל

עס דארף דערמאנט ווערן אז דער וויי-געשריי פון די הונדערטער טויזנטער אידן איז נישט גענצליך פארשטימט געווארן. די ערליכע עסקנים האבן אויסגענוצט די קריטישע צייט מיט אן ערמה און אונטערן באוואוסטזיין פון די בעלי העצרת האט מען אויסגעצויגן ריזיגע ליילעכער מיט דעם 'ריכטיגן' ווייטאג פון יהדות החרדית.

שילדן אין די הייעך פון עטליכע שטאקן זענען אויסגעצויגן געווארן לארכה ולרחבה פונעם עצרת, וואס האבן איבערגעדעקט אלע ריזיגע געביידעס לענגאויס עטליכע גאסן מיט שרייעדיגע ווערטער 'נמות ולא נתגייס' - 'בזים למעצרים מתנגדים ליעדים. לא, אפילו לא אחד'! - אויך איז אויפגעשטעלט געווארן איבער די לענג און די ברייט פון די עצרת-גאסן גרויסע שאטערס כאילו צו באשיצן עלטערע אידן פון דער זון, ווען דער דאך דערפון דינט אלס דער אמת'ער ציל, אלס א ריזן שילד קעגן פשרות און פארהאנדלונגען! 'לא פוחדים ממעצרים אך פוחדים מיעדים!' און איז געווארן אפגעכאפט פון אלע דעכער און דראונס, אויסשרייענדיג דעם ריכטיגן מעסעדזש אפצושטעלן דעם שמד הנורא.

אזוי אויך איז געווען קענטבאר דער אור מתוך החושך ווען ביי איין ווינקל פונעם עצרת אויף א באזונדערע באלקאן וואו עס איז געשטאנען הגאון רבי משה צדקה שליט"א, ראש ישיבת פורת יוסף, מגדולי חכמי עדת הספרדים, ווען תיכף נאכן אפיציעלן עצרת, ווי מען האט אלעס פארשוויגן, האבן זיך הערשט דאן אנגעצינדן זייערע הויכהילכערס וואס זענען געהערט געווארן אויף אלע גאסן ארום און ארום, וואו מען האט אויסגעשריגן א ריכטיגע קול 'מחאה'. מיט שרייעדיגע שילדן קעגן די חוק מכסות און יעדים אונטערן בימת הכבוד, מיט א רוף אז 'אלע בחורים' פון אלע קרייזן אין אלע אומשטענדן זענען אסור זיך צו שטעלן אין מיליטער.

## אומגעוואונטשענע גערודער שטערט די יעדים

ליידער פארווישן די מארגנים דעם גאנצן עצרת אין דער פרעסע. זיי נוצן גאר דעם עצרת צו שטופן זייער אגענדע אפצו'שמד'ן בחורים פון פרעמדע ישיבות און שטיבער. זיי טוען אנצייגן אז מיטן נעמען די 'לומדי תורה' ברענגט דאס אומגעוואונטשענע גערודער וואס שטערט פארצוזעצן מיט די יעדים און עס מאכט חרוב די נייע חוק הגיוס. מען זאל שוין אפשטעלן דעם וואגן פונעם ראש הקהל'ס זון... ווייל דאס שטערט פארצוזעצן צו פארכאפן די איבריגע פופציג טויזנט נפשות!

בימים ההם בזמן הזה... די אלמנה לויפט נאך א וואגן. כלל ישראל וויינט אויף די טויזנטער געפאלענע און די הונדערטער פארפלאנטערטע. שטייען אין דער זייט פירער פון אנערקענטע קהילות וואס וואלטן געקענט צושטערן די מזימות הרשע אין אן אויגנבליק. זיי האבן דעם כח, דאס געלט, און די מעגליכקייטן, אבער נאר נישט קיין רצון. אנשטאט ריזיגע שילדן 'מ-ל-ח-מ-ה', שטייט מען מיט 'זעקת התורה' שילדן אין דער רעכטער האנט און א שופר אין דער לינקער האנט און מ'לאזט הערן א דרייסטן מעסעדזש פאר די כאפערס: נישט אונזערע קינדער. ס'איז ביטול תורה!

**לא נחרבה ירושלים אלא בשביל שהעמידו דבריהם על דין תורה!**

### היכי דמי 'שלוחא דרבנן':

# ספרדישע רבנים געפייניגט מיט שוידערליכע טעראר מיטלען ווערנדיג באצווינגען צו מסכים זיין צום שוידערליכן נייעם חוק הגיוס

## היכי דמי שליחא דרבנן: שלוחא דרבנן ח"כ המינים דרעי זעלבסט סטראשעט זיינע משלחים מיטן ארגסטן אויב זיי וועלן זיך דערוואגן זיך קעגנצושטעלן צום נייעם חוק הגיוס

א גאר ווייטאגליכע פרשה שפילט זיך אפ אין די טעג אין די ספרדישע קרייזן. אנגעהויבן ווען דער חשוב'ער ראש ישיבה הרב משה צדקה שליט"א, האט געוואלט מאכן אן אייגענעם עצרת אויסצושרייען דעם ווײ-געשריי אויף דעם אכזריות'דיגן 'ספרדישן גניבה' וואס מען כאפט די הייליגע נשמות אנשטאט די ליטווישע אשכנזים.

אבער נאך גרויס דרוק פונעם ח"כ המינים ארי דרעי האט ער געמוזט ערשיינען צום אפיציעלן גרויסן עצרת. אבער ווען דער עצרת האט זיך געשלאסן, האט דער רב גערעדט א דרשה דורך ספעציעל אנגעגרייטע ספיקערס ארום זיין טעראסע, און אויסגעשריגן מנהמת לבו דעם התנגדות צום גיוס זעלבסט. גאר אסאך וואס האבן נישט געהערט אז דער ראש ישיבה גייט יא צום עצרת, זענען אנגעקומען צום ערשטן ארט און געפראוועט א פריוואטע עצרת מיטן ריכטיגן קול מחאה וואס האט אפגעהילכט אויף אלע גאסן ארום.

אבער אפילו דער געוועזענער רב הראשי, דער חכם יצחק יוסף, וואס






האט אפיציעל געדינט אין די רבנות הראשית, און האט קיינמאל אין קיין קנאות נישט עוסק געווען, האט אויך דאסמאל נישט געוואלט אקעגנקומען דעם חבר כנסת המינים ארי' דרעי, און אויך נישט געוואלט קומען מיטשטיין ביי דעם עצרת.

בעיקר שטייט אים דרעי אויפ'ן קאפ אז ער זאל ארויסקומען מיט אן אפיציעלן בריוו וואו ער זאל געבן א 'הסכמה' אויף אלע פשרות וואס דרעי וויל מאכן.

מאיזה סיבה שהוא וויל חכם יוסף דאס נישט טון, צי ווייל ער קען גוט די פאליטיק פון אינעווייניג, צי ווייל ער וויל נישט אז מען זאל נוצן די ספרדים אלס קאנאן פלייש. ובכל אופן שהוא, האט אים דרעי געסטראשעט אז אויב גיט ער אים נישט דעם בריוו, וועט ער אים גיין אנקלאגן אויף פארשידענע בלבולים און עוולות פון זיין קאדענץ אויף וואס עס וועט אים דראען א טורמע אורטייל, און ער איז ממש אריינגעפאלן אין בעט פון גרויס לחץ און פרעשור!

אט דאס איז א סעמפל וואס עס מיינט א שלוחי דרבנן. און מען קען זיך שוין פארשטעלן וואס די ליטווישע חברי הכנסת טוען מיט די ראשי ישיבות און די חסידישע חברי הכנסת טוען מיט די אדמורי"ם. דארט דארף מען ניטאמאל דאס, ווייל די וואס ווייסן נישט גארנישט דארף מען סך הכל די חתימה, און די וואס ווייסן יא, איז דאך ה"י.

בלייבט נאר איבער צו שטיין פעלזן פעסט צו ראטעווען יעדע אידישע נפש פון מיליטער עד לביטולה של רוע הגזירה.





משמרת תורתינו

# ברייטע איבערבליק
## איבער דעם שטורמישן מצב אין ארה"ק

### מיטוואך פר' לך

היינט ווערן ערפילט גאנצע ה-ו-נ-ד-ע-ר-ט טעג וואס דער גיבור החיל הר"ר אלעזר צדוק קויפמאן שליט"א זיצט אין תפיסה.

א ספעציעלע שיינע אויפגעשטעלטע 99 מתנות פרעזענטאציע ווערט איבערגעגעבן פאר זיין חשוב'ע בני בית שתחי', און אין די תפיסה קעלערן ווערט אריינגעשיקט א הערליכער ספר מיט א פראכטפולן לעדערנעם דעקל "מאה שערים" וואס באשרייבט דעם מסירת נפש לעבן פון די יקירי ירושלים תושבי מאה שערים. אין די נאכט שעות קומט פאר א משמורות מחאה בחוצות ירושלים אויסצושרייען דעם קול מחאה וזעקה.

*

אין דעם בג"ץ הציוני קומט פאר א זיצונג איבער די גיוס טעמע, וואו עס ווערט באהאנדלט דורך די ריכטערס היתכן די מדינה מיט איר פאליציי ארעסטירט נישט גענוג משתמטים! די לינקע ריכטערס ליארעמען אז עס איז צו ווייניג, און די 'רעכטע' חברה פון די מדינה פרובירן זיך צו פארענטפערן, ווען הינטערן באוואוסטזיין ווייסן זיי זייער גוט אז בפה-רך קומט מען אסאך מער אן.

אינמיטן די אלע זיצונגען האבן אומערווארטעט אריינגעשטורעמט מוחים און אויסגעשריגן א קול מחאה וזעקה אקעגן דעם גזירת הגיוס.

*

א צאל חב"ד'סקע בחורים ווערן ארעסטירט אין לופטפעלד נאכדעם וואס זיי ווערן באטראכט אלס עריקים, ווי שוין באריכטעט פאריגע וואך איז מען ליידער געווען געריסט דערויף.

*

א מעמד נהדר קומט פאר פאר די נשים צדקניות וואס זענען זיך מנדב לטובת די אידישע מיידלעך נישט ארייצופאלן אין גיוס בנות דורך די הייליגע ארגאניזאציע 'בנות מלך'.

ביים הערליכן אוונט הערט מען ערשטהאנטיגע עדות פון באפרייטע מיידלעך, עסקניות, אזש פון באר שבע, און אזוי אויך דורך א לויערקע וואס שטייט כסדר צוהילף פאר די נשים צדקניות וואס שטייען ביי 5' גיוס אפיסעס' איבערן לאנד. זי דערציילט אז כסדר ווען זי ווייזט אן אז עפעס איז אומלעגאל, ענטפערט מען איר אז די מיליטער מעג טאן וואס זיי ווילן אבי מגייס צו זיין נאך סאלדאטן.

### דאנערשטאג פר' לך

די עדה החרדית ומנהיגי קהלות הקודש האבן ענדגילטיג ארויסגעגעבן דעת תורתם אז דער ציבור בני ישוב הישן קען נישט אנטייל נעמען ביים עצרת פאררופן דורך די פארטייאישע קרייזן, נאכדעם וואס עס רופט נישט אויס א התנגדות צום גאנצן גזירת הגיוס, נאר אויף בני ישיבות, און בעיקר ווייל דער עצרת גייט אין שפאן מיט די פינסטערע פלענער פון די חברי הכנסת צו מאכן הסכמים און פשרות צו פארקויפן 50% אידישע נשמות צום ציוניסטישן מיליטער, היל"ת.

אבער מאידך גיסא האט מען דאך דארט באוויזן עטוואס אויסצונוצן דעם געלעגנהייט ווען אזויפיל טויזנטער משתתפים קומען זיך צוזאמען, און אויסרופן א קול 'מחאה' טאקע דארט ביים עצרת 'תפלה'. צווישן אנדערע האט מען אויפגעשטעלט 5 מאסיווע שאטערס, וואס האבן אויסערליך געדינט אלס אן אפרוה ארט פאר עלטערע אידן, אבער אויפן דאך פונעם געצעלט זענען געווען מאסיווע שילדן מיט די פאסיגע אויפשריפטן אקעגן דעם גזירת הגיוס, וואס זענען אפגעכאפט און פילמירט געווארן דורך די פילע דראונס און פארגעשריטענע קאמערעס, און דער ריזן ציבור וואס זענען געשטאנען אויף די דעכער און טאראסעס.

אזוי אויך האט מען דארט פארשפרייט פילע טאוולעך דורך די ארגאניזאציעס אקעגן דעם גזירת הגיוס, וואס זענען צעשפרייט געווארן צווישן ציבור, און אזוי אויך פילע שילדן אויף ענגליש פאר די וועלט'ס פרעסע. אסאך משתתפים האבן זיך גאר צוגעכאפט דערצו, טראץ וואס די הויפט ארגאניזירער האבן דאס בכוונה נישט געוואלט, אבער עס איז דאך געווען גוט מפורסם. באזונדער האט די ישיבה עטרת שלמה בנשיאות הרב סורוצקין שליט"א געלייגט שילדן פון זייער ארעסטירטן תלמיד.

און אזוי אויך ווען דער עולם איז זיך צעגאנגען, האט מען אויסגענוצט די געלעגנהייט אויסצושרייען 'נמות ולא

כל הכופר בעבודה זרה:

# העפטיגע ליצנותא דעבודה זרה געפראוועט אינעם בית משפט הציוני

**ריכטער קען זיך נישט באהערשן און פלאצט זעלבסט אויס אין געלעכטער - פאליציי און וועכטער ארויס פון גלייזן נאך פארשעמונג און דערנידערונג פון דעם ציוניסטישן דגל הכפירה**

יום א' לסדר "ויהי כמצחק" האט זיך אפגעשפילט אן אינטערעסאנטער ספעקטאקל אינעם "היסטארישן" בית משפט וואס דארף זאגאר צו זיין דער סאמע ערשטער בית משפט וואו מען האט נאך געאורטיילט דעם לוחם מלחמות ד' הרה"צ ר' עמרם בלוי זצ"ל.

די רעדע איז איבער א לאנג פארצויגענע קלאגע אויף מוחים קעגן די ארבעט ביי די באקאנטע "רכבת הקלה - די לייכטע באן סערוויס" וואס דער שטאט ראט פון ירושלים וויל שוין א לענגערע צייט אדורכפירן אין די סאמע היימישע געגנטער אין ירושלים עיה"ק, א זאך וואס איז גע'אסר'ט און אפגעפרעגט דורך אלע קרייזן, אבער ווי פארשטענדליך זענען די בני ציון היקרים די וועלכע שטייען בראש המחנה צו מוחה זיין דערויף.

דער שטאט ראט האט ארויסגעשיקט "70" הזמנות פאר 70 יונגעלייט צו קומען אין בית משפט, וואו מען האט זיי געדארפט געבן דעם קנס פון 500 שקל.

אבער וואס זיי האבן זיך נישט געראכטן איז, אז ווי נאר די 70 יונגעלייט האבן זיך געטראפן אינאיינעם פארנט פונעם בית המשפט, איז ווי פארשטענדליך געווארן איבערגעדרייט פון א בית משפט צו א בית חתנות ובדחנות. זיי האבן קודם נישט געוואלט אריינלאזן דעם גאנצן ציבור אויפאמאל אויס מורא פון מהומות, אבער מען האט זיך ממש איינגעבעטן און איינגעריסן אז מען מוז אריינקומען, און מען האט ענדליך גע'פועל'ט צו קענען ערשיינען פארנט פונעם ריכטער.

דארט האט זיך אבער אנגעהויבן דאס ריכטיגע, ווען איינער איז ערשינען מיט זיין קיטל, א צווייטער מיט זיין טלית, א דריטער מיט זיין אינגעלע, און דער מצב האט אנגעהויבן ווערן ווארעמער און ווארעמער, ביז דער בעל הקיטל האט אנגעהויבן טיילן פאר'ן ציבור הנאספים צוקערלעך צו ממתיק זיין די דינים, און פון דארט האט זיך שוין אנגעהויבן דער פולער סדר הלימוד נאכדעם וואס די יונגעלייט זענען אלע ערשינען מיט גרויסע גמרות אונטער'ן ארעם, מיט ניגונים ושירי המערכה, תפלת המנחה און שיינע גרויסע טענץ!

אן עקסטערע מערכה האט זיך אפגעטאן ווען איין אינגערמאן האט גענומען א ליידיגע זעקל פון 'באמבא' און עס ארויפגעלייגט אויף א שטאנג פון א "פאן - דער דגל המינות". ווי נאר די שומרים האבן דאס באמערקט, זענען זיי געווארן שרעקליך אויפגערעגט און געשריגן מיט אומבאנומענע קולות אז מען פארשעמט דעם סימבאל פון דער מדינה, נאכדערצו אינעם היסטארישן בית משפט. מען האט פרובירט דורך די סעקיוריטי קאמערעס צו אויפכאפן פונקטליך ווער עס שטייט אונטער דעם גרויסן פארברעכן, און קודם באשולדיגט איינעם, דערנאך א צווייטן, ביז מען האט אים ענדליך דערווישט.

עס דארף באטאנט ווערן אז נאכאמאל וועט מען נישט רופן קיין שבעים איש מאנשי ישראל אינעם בית משפט, און דער עיקר אז מיט'ן אויבערשטנס הילף וועט דער באן נישט אדורכפארן ירושלים עיר הקודש, דער פלטרין של מלך.

*

אבער ליינענדיג דעם באריכט פונעם 'צירקוס אין בית משפט' איז אבער דא אן עיקר אין די געשיכטע, דער ברייט באקאנטער "ועד אסירי ציון" וואס באגלייט דעם קעיס פון אנהויב, און גאר אסאך קנסות פון ריזיגע געלטער האבן זיי שוין באצאלט פאר די יונגעלייט, און יעדע רעגירונגס בריוו, וואס א יונגערמאן ערהאלט גיט ער זיי איבער, און זיי באהאנדלען דאס עצהיו"ט, און אחוץ מיטהאלטן דעם פורים שפיל האבן די חשוב'ע מוחים ב"ה נישט געהאט קיין איבריגע קאפ-ווייי, און אפילו יעצט שטייט דער ועד אסירי ציון ווייטער גרייט מיט די נויטיגע הילף, געניטע אדוואקאטן, און מיט דעם עיקר וואפן - מסירות נפש און אומבויגזאמקייט אקעגן די מדינה און אירע גזירות.

משמרת חומותינו

נתגייס', און דוקא אויף די קול מחאה האבן די פאליציי עפעס פלוצלינג געוואוסט צו שפריצן און שלאגן.

פארשטייט זיך אז די אלע פעולות באווייזן נישט גענצליך אפצוהאלטן די חברי הכנסת פון זייער פריוואטער 'עצרת המיליאן דאלער', און זיי גייען ליידער פאראויס מיט די פלענער צו מקיים זיין דעם פסוק "כי נמכרנו אני ועמי להשמיד ולאבד", היל"ת. ווי דער ווארטזאגער פון ש"ס האט אפיציעל געמאלדן אין די פרעסע אז דער רב פונעם חרדי'שן ציבור וויל אפהיטן "לומדי תורה", אבער זיי ווילן אויך טרעפן א לעזונג צום גיוס פראגע וואס זאל לעזן דעם פראבלעם פוןביידע זייטן - סיי די חילונים און סיי - להבדיל - די חרדים" ה"י.

*

א ספעציעלע מחאה ביי תפיסה נומער 10 דורך ישיבת נחלת שלמה פון באר שבע, וואו דער ארעסטירטער בחור דורך די ציווילע פאליציי זיצט נאך אין תפיסה. די חברים האבן מוחה געווען כדת של תורה.

פון דעם הויפט בע"ב אטראצקי, און געווארנט און געשריגן אויף די ארבעטער אז יעדן טאג וואס מען ארבעט נישט איז אן אומגעהויערער שאדן פון 100,000 שקל, און באפוילן פארצוזעצן די ארבעט רח"ל. איין יונגערמאן איז שווער צושלאגן געווארן, און א צווייטער יונגערמאן איז ארעסטירט געווארן, אבער די פאליציי האט אים ארויסגעווארפן פונעם אויטא אינמיטן וועג.

*

דער דיון אין כנסת המינים איבער דער גזירת הגיוס וואס האט געזאלט פארקומען היינטיגן מאנטאג, ווערט אפגעשטופט אויף ביזדערווייל.

די סיבה דערפון איז אומבאוואוסט, אבער ווי עס שיינט קומט עס ווייל דער ח"כ א. דרעי פון ש"ס גייט אדורך צופיל בזיונות איבער'ן לאנד אין די לעצטע תקופה, און ער האט דערפאר באשלאסן אז ער איז מער נישט דער 'הויפט ספאנסער פון גיוס געזעץ'. ער וועט עס לאזן שלעפן, און זאלן די הויפטן פון דגל און אגודה ווערן די הויפט שפילער און זאלן זיי כאפן אלע בזיונות, ומי יתן והיה אז כיון דאידחי ידחה לגמרי.

נאך א יאר הצלחה אין וויליאמסבורג, קרית יואל:

# עסקנים ברייטערן אויס די פעולות ההצלה אין בארא פארק, לעיקוואוד און נאך פילע שטעט

ווי ברייט באקאנט, גייט פאר א מאסיווער אפאראט פון פעולות מחאה און הסברה און פיל נאך דורך 'אחים אנחנו', סיי ביי די תפיסות, סיי אין די היימישע געגנטער, און אזוי אויך צו העלפן בחורים נישט ארעסטירט צו ווערן, וואס יעדע פעולה וואס מען טוט איידער א גזירה אדער ארעסט איז אין קראפט, איז פיל שטערקער.

דער עיקר הצלחה איז נאר געלט! וואס ווערט געשיקט פון אמעריקע למען כבוד שמו יתברך בארצינו הקדושה! די עסקנים האבן ברוך השם אויפגעבויעט א גרויסע באזע פון עסקנים וואס גייען כסדר ארום אין די וויליאמסבורגער און אין קרית יואל'ער בתי מדרשים, סיי ווען עס פעלט זיך אויס.

מען קען זיך אנשליסן מיט'ן נעמען א חלק פון 'איין טאג' וואס מען קען גיין נאך געלט אין די בתי מדרשים, אדער מערערע טעג, צי על פתחי נדיבים. ב"ה אז מען גייט זיך פארברייטערן די טעג צו בארא פארק, מאנסי, לעיקוואוד און נאך געגנטער כפי הצורך.

ווער עס וויל זיין א חלק פונעם לגיון של מלך זאל רופן אויפ'ן נומער: **914-222-5193**

און לאזן א מעסעדזש מיט די צייט, ביהמ"ד, עסקנות וואס ער קען בייהילפיג זיין.

ווי די עסקנים וואס טוען דערין געבן איבער, זעט מען א מורא'דיגע ווארעמקייט צווישן ציבור. מען דארף בלויז אפנעמען דאס געלט, ווי די ירושלמי זאגט "ישראל נתבעים ונותנים".

**חזקו ואמצו, ד' עמכם!**

## מאנטאג פ' וירא

את אשר יגורנו בא! דער חילול בית החיים אין יאהוד איז ליידער ממשיך, די טראקטארן גראבן ווייטער, און טראקס מיט ערד געמישט מיט הייליגע עצמות ווערן ליידער אוועקגעפירט.

א שיינער ציבור מוחים אויפ'ן ארט שרייען אויס א קול מחאה וזעקה, און דער ארבייטער אויפ'ן פלאץ האט געוואלט פטור ווערן פון זיי, האט ער זיי פארשפראכן אז אויב זיי פארלאזן דעם שטח הערט ער אצינד אויף צו גראבן. און ווי נאר זיי האבן זיך דערווייטערט און ער האט געוואלט אויפהערן די ארבעט, איז אנגעקומען א שיינע אויטא מיט עטליכע פערזאנען, קינדער

## דינסטאג פר' וירא

די מיליטערישע פאליציי גייט ליידער ווייטער אן מיט די ארעסטן, אבער ווי דער פאקט באווייזט, קומען זיי נאר צו געגנטער וואו דער ציבור איז נישט מאביליזירט צו קומען אין פאל פון אן ארעסט.

מאנטאג זענען זיי געקומען אין די שטאט 'חולון' און ארעסטירט א בחור יונתן בן חולון, און דינסטאג זענען זיי געקומען אין 'רמלה' און ארעסטירט א בחור אשרי בן שושנה שרה.

*

א חשוב'ער אינגערמאן, א זון פון א גבאי ביי האדמו"ר מבאיאן שליט"א, איז ארעסטירט געווארן! האברך ר' נחום בן דבורה איז געגאנגען אין לשכת הגיוס פשוט צו מסדר זיין די פאפירן ווי געווענליך, און אנשטאט דעם האט מען אים ארעסטירט אויפ'ן פלאץ.

*

אין די זעלבע צייט לויפן די חברי הכנסת פון דגל ארום צו די ראשי ישיבות צו לייגן לחץ און שלעפן חתימות מיט הסכמות אויף דעם נייעם שווידערליכן חוק הגיוס, אז עס זאל באקומען דעם "חותם הרבנים" היל"ת.

*

דער בחור אריאל שמאי פון ישיבת עטרת שלמה האט נישט באקומען קיין שום פארלייכטערונג אין זיין אורטייל און ער דארף זיצן די גאנצע 20 טעג! דער בחור איז זייער צובראכן און דערשראקן, ווייל אין די אלע סארט פארטייאישע ישיבות איז מען כאילו פארזיכערט אז מען ווערט נישט ארעסטירט, און ווען מען ווערט שוין יא ארעסטירט, איז דאס געוצליך אומגערישט. אנדערש איז ביים יהדות החרדית וואו די בחורים זענען פולשטענדיג גרייט דערצו, סיי ברוחניות מיט'ן שטאלצן התנגדות צו דער מדינה און סיי בגשמיות מיט'ן שטאב לויערס, מחאות וכדו'.

דער ווייטאג איז גרויס אז אנשטאט די ראשי ישיבות און עסקני אגודה/דגל זאלן העלפן זייערע אייגענע קינדערלעך צו זיין גרייט אויף מסירות נפש, איז מען פארנומען וויאזוי צו פארדינען נאך פון די כספי התרעלה אויפ'ן חשבון פון אידישע נשמות.

בדרך אגב, די מחאה פארגאנגענע וואך דורך די ילדי תשב"ר פון עטרת שלמה פון הרב סורוצקין איז ברייט באריכטעט געווארן אין אלע צייטונגען, פרומע און פרייע, אחוץ אין איין צייטונג - "יתד נאמן" פון די אייגענע ליטווישע פארטייען, ווייל דער רב סורוצקין זאל זיך נישט אליינס מוחה זיין אויף זיינע תלמידים...

מדה כנגד מדה:

# טרויעריג-בארימטע רשעות'דיגע מיליטערישע פראסעקיוטער ארעסטירט און זעלבסט אריינגעשליידערט אין בידוד

**מיליטערישע פראסעקיוטער וואס אויף איר ווארט האט מען געפייניגט צענדליגער בחורים אין טורמע, און אפגעזונדערט די גיבורי החיל עלנד אליין אין בידוד קאמער שוין אריבער 100 טעג; זעלבסט אנגעקלאגט און זיצט אין די זעלבע אומשטענדן אין בידוד**

**אפענע יד ה' ווען תפילת ישראל ביי קבר שמעון הצדיק וואו מ'האט מתפלל געווען שמה ושם אמה פאר א פינסטערע מפלה, האט עושה רושם געווען**


לעבט מיט די באריכטן פון מערכות הקודש אין ארץ ישראל

קול זעקה
605.313.6884

קול האמונה
718.298.4754

מערכת סאטמאר
718.831.7000 #1-6

# עצרת - להשתיק - המיליאן - זממם לא תעלה בידם

## ערליכע עסקנים פארפלייצן עצרת השתקה מיט רוישיגע פלאקאטן ארויסצוברענגען דעם ווי געשריי פון יהדות החרדית



איינס פון די ריזיגע שילד אויף די ענגלישע שפראך אויפגעהאנגען דורך די ערליכע עסקנים אין ארה"ק אויסנוצנדיג אזא מאסן צוזאמפאר פון הונדערטער טויזנטער ערליכע אידן אראפצוגעבן דעם ריכטיגן מעסעדזש און דרייסטקייט אין די טויזנטער בחורים



יזכר לך עתה! פילע פלאקאטן פארפלייצט די צענדליגער גאסן מיט שטאנדהאפטיגן מעסעדזש מחזק צו זיין די משתתפי העצרת 'אין כל כח לאי מי להציב מכסות ויעדים או סאנקציעס' א פסק פון זייערע אייגענע גדולים וואס די רעליגיעזע פארטייען טוען ביודעים איגנארירן



איינס פון די פילע טענט'ס צו שאפן א שאטן, ווען אין ווירקליכקייט טוט דער דאך אראפגעבן א דרייסטן מעסעדזש קעגן די פארדעטער וואס האמערן אויס פשרות



דרינגענדע בקשה צו לאזן דעם שאטן-טענט פאר עלטערע אידן זיך צו שיצן פון די זון שטראלן בשעת העצרת







א נענטערע בליק אויף טייל פון די שאטערס אויפגעשטעלט - זעט עדיטאריעל 'אין לנו גיוס רק התורה הזאת' אינעם היינטיגן וואכנשריפט

# עצרת - להשתיק - המיליאן - זממם לא תעלה בידם

## ערליכע עסקנים פארפלייצן עצרת השתקה מיט רוישיגע פלאקאטן ארויסצוברענגען דעם ווי געשריי פון יהדות החרדית



קאסטבארע פעולות פון גרופע ערליכע עסקנים געקרוינט מיט ערפאלג



ריזיגע ליילעכער אין די הייעך פון 4 שטאק! הענגט אויף ריזיגע געביידעס לארכה ולרחבה פונעם עצרת מיט קלארע שטעלונג 'איגנארירן ארעסטן, קעגנערס צו יעדים, אפילו נישט איין בחור'!



חצי נזק: א האלבע היכל הישיבה אין איינס פון די ליטווישע ישיבות העפטיג פארטון בלימוד התורה עפ"י פסק פון זייערע גדולי תורה מתלמידי הגר"ש אויערבאך זצ"ל זעענדיג אינעם עצרת א השתקה צום גזירה




וברם יזכר די באזונדערע בימת הכבוד און עצרת פון די גדולי חכמי עדת הספרדים ובראשות רבי משה צדקה שליט"א ר"י פורת יוסף וואס האט געטראגן א ריכטיגע מחאה קעגן די עצם גזירה אויף סיי וועלכע בחור מערקט אונטן אויפן שילד 'גם מי שאין במסגרת לימודים'. לא לחוק עם פשרות! לא לחוק עם מכסות ויעדים!



איינס פון די הויכע געביידעס מיט עטליכע ריזיגע שילדן אויף אלע זייטן




איינס פון די ריזיגע פלאקאטן אויף די ענגלישע שפראך ביים אריינגאנג צו ירושלים עיה"ק "מיר וועלן קיינמאל נישט דינען אין די ארמיי פון די איזרעילי פיינטליכע לאנד"!

# ובכל מדינה ומדינה - יהדות קאנאדא - מול מדינת השמד

## עצרת מחאה אדירה ביים קאנסולאט און מאנטריאל בראשות גדולי הרבנים שליט"א איסצושרייען זעקת הגולה קעגן די גזירת שמד בארה"ק




פילע שרייעדיגע שילדן אויפן פראנצויזישן שפראך אויסצושרייען
דעם זעקת הגולה ביים פראטעסט אין מאנטריאל




ילדי קאנאדא ברחובות העיר זיך אנצונעמען פאר אונזערע פארפלאגטע ברודער אין ארה"ק




זקנים עם נערים ביים עצרת




הרה"ג דומ"ץ סאטמאר מאנטריאל שליט"א



לכלא ולא לצבא: פלאטע טרעקלעך מיט תפיסה קעלערן צו דערקלערן
שטאנדהאפטיגע שטעלונג פונעם יהדות החרדית



הגה"צ גאב"ד סאטמאר מאנטריאל שליט"א אין איינס פון די קארס אויפן וועג צום עצרת

# ובכל מדינה ומדינה - יהדות קאנאדא - מול מדינת השמד

## עצרת מחאה אדירה ביים קאנסולאט און מאנטריאל בראשות גדולי הרבנים שליט"א אויסצושרייען זעקת הגולה קעגן די גזירת שמד בארה"ק




מערערע רבני עיר מאנטריאל וקאנאדא אינעם מאטארקאדע אויסצודרוקן אונזער מחאה קעגן די ארעסטן אויף בחורי ישראל



מיט קייטן אויפן דער האנט ביים ציוניסטישן קאנסולאט




הגה"צ גאב"ד סאטמאר מאנטריאל שליט"א טרעט אויף מיט דברי מחאה




פילזייטיגע השתתפות פון גדולי רבני עיר מאנטריאל קעגן די רדיפת הדת אין ארה"ק

# ובכל מדינה ומדינה - יהדות קאנאדא - מול מדינת השמד

## עצרת מחאה אדירה ביים קאנסולאט און מאנטריאל בראשות גדולי הרבנים שליט"א אויסצושרייען זעקת הגולה קעגן די גזירת שמד בארה"ק




הרה"ג דומ"ץ סאטמאר מאנטריאל שליט"א אינעם מאטארקאדע דורכאויס די פראטעסט מארש



הגה"צ ראב"ד סקווירא שליט"א זיך משתתף ביים עצרת מחאה אויסצודרוקן זעקת יהדות החרדית




ריזיגער ציבור ביים פראטעסט מארש אין באגלייטונג פון ספעציעלע רבנ'ישע פראטעסט מאטארקאדע

# ובכל מדינה ומדינה - יהדות קאנאדא - מול מדינת השמד

## עצרת מחאה אדירה ביים קאנסולאט און מאנטריאל בראשות גדולי הרבנים שליט"א איסצושרייען זעקת הגולה קעגן די גזירת שמד בארה"ק




דער ציבור פארנט פון ציוני'טישן קאנסולאט





